# פאַרטאָג און בייטאָג

ביי שלום־עליכמען איז מען מונטער ווי בייטאָג.

מען איז צופרידן פון דער אַנטפּלעקטקייט, פון דער צווימאַל־צוויאיקייט; עס טוט הנאה, וואָס אַלץ איז אָפן. עמיצער האָט זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער דער וועלט און פאַנאַנדערגענומען אַלע שפּאַנישע ווענטלעך. איז דאָ אַזוי פיל רוים, און פריי אָטעמט מען אָפּ.

אָפּאָטעמען — דאָס איז באַדערפטיק פאַר די מידע, פאַרסאָפּעטע, מיט־דעם־מאָגן־נישט־זיכערע, אין שוויס־אָפּגייענדיקע, פאַרפינצטערטע, אויסגעהאַרעוועטע, צוליב שלעכטע, ווידערשפּעניקע בזיונות־ברענגענדיקע, אָדער צוליב גוטע, גערעאָטענע, וויאיגרישנע־בילעטנדיקע קינדער, לײַדנדיקע טאַטע־מאַמע, — זיי אַלע זוכן אַזוי פרייקייט, צרות־פאַרגעסנקייט, קאָפּ־אויפגעהויבנקייט.

און שלום־עליכם גנבעט זיך אַרויס פון אונטער שאָטנס. בעסער: ער ווישט זיי אָפּ. ער איז: העלקייט. זיינע ביכער עפענען זיך אויף, ווי עס עפנט זיך דער פרימאָרגן.

ווי עס עפנט זיך דער פרימאָרגן. אַנטציקונג, אַנטציקונג. מיט דער שטילקייט, מיט דער איינגעהאַלטנקייט. עס ווירקט גוט, וואָס קיינער כעסט זיך נישט, ליאַרעמט נישט, האָט קיין פּרעטענזיעס נישט.

און שיין איז. רויטע שיפלעך אויף בלויע וואַסערן, ווי לעבעדיקע שמייכלען אין בלאָע אויגן.

נישט שטאַרק איז די פאַרבליפונג, דאָך איז — איבעראַשונג. אומעטום ערשט־נאָר־וואָס־אויפגעקומענס. און דער מענטש אַליין ווערט

אויך ניי. און דער נייער מענטש האָט גלוסטונג צום לעבן, ווייל ער האָט נאָך גאָר קיין צרות נישט געהאַט...

נישט לאַנג דויערנדיק איז דער פּראָצעס. דאָס עקזאָטישע ווערט געוויינלעך. משונהדיקע קאָלירן גייען ביסלעכווייז איבער אין נאָר־מאַלע. אַנשטאָט פרייד מחמת אורשפּרינגלעכקייט — היימישע געמיט־לעכקייט. אָוועק דער באַגינען. איצט איז טאָג. הייטערער, שאָטנלאָ־זער, פיינער, סאָלידער, בעל־הבתישער טאָג...

בעל־הביתיש?... אַהאַ!... נו יאָ, מסכים... נישט איבעריק אצילות־דיק. אָבער מאַכט נישט אויס. אָן סכנות. — — — וואָרים, פאַר־שטייסטו מיך, עס איז גוט צו האָבן אַ ביסל ווייסע שעהען, ווען דו זעסט וואָס פאַר דיר, וואָס הינטער דיר, וואָס אונטער דיר. זעסט נישט צו קלוג, זעסט נישט צו טיף, זעסט נישט צו זעעוודיק. אָבער דו זעסט. אָן מאַטערניש זעסטו. אָפּרוענדיק זעסטו. שפּילנדיק זעסטו. — איז ערשטנס.

און צווייטנס, וואָרט, ברודערל! נאָך אַ טאָג וועט זיין. און ווידער וועט דער מאָרגנשטערן האָבן אַ ישוב, צי ער זאָל גיין אויף דער וועלט, צי ער זאָל נישט גיין. און פּאַוואָלינקע, האָלב־טריט ביי האָלב־טריט וועט ער זיך אַרויסציען ערגעץ דאָרט פון אונטער אַ וואָלקן, און — וועט קומען. אַזאַ טבע האָבן זיי די מאָרגנשטערנס — זיי מוזן קומען.

מעת לעת ביי מעת לעת חזרט זיך עס איבער. און אייביק דער־פרישט עס. ס'איז אייביק ניי. מיט דער פרעמדקייט, מיט דער משונה־דיקייט.

„...האָט ער אַנגעזאָגטלט די נאָז מיט אַ פּאָר משונה־מאָדנע ברילן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַ שטיקל דראָט מיט צוויי בענדלעך: אין איין אייגל איז געשטאַנען אַ בלעכל, און דאָס צווייטע איז געווען ליידיק, גלאַט אַ לעכל. האָט ישראל נישט געקענט זיך איינהאַלטן און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס טויג אייך, רבי, אַזאַ בריל, איר זעט דען עפּעס אויף איר?

— אַלץ גלייכער ווי אָן אַ בריל, כ'בין שוין איינגעוואוינט צ״

און מיר זיינען אויך שוין איינגעוואוינט מיט אַזעלכע רבים. מיר קענען די דאַזיקע העלדן. אָבער ווען איינער ווייס ווי אַזוי אַנצושטעלן אויף אונדז אַט די משונה־מאָדנע ברילן פון די דאָזיקע פאַלקס־טיפּן, וועט זיך אים שטענדיק איינגעבן אַרויסצורופן די אילוזיע פון פרישס, פון אייגנאַרטיקס, פון ליכט, פון שפּיל.

און דאָ איז דאָס באַגינענדיקע, דאָס אורשפּרינגלעכע, דער כשוף־כח פון שלום־עליכם. דאָ ביי אַזעלכע סצענקעס.

נישט דאָרט פון וואַנען אַלע שעפּן, וואָס עס איז שוין געוואָרן אַ קנין־רבים, מיט וואָס עס זיינען שוין ברוקירט די שול־הויפן, וואָס איר קענט הערן אין צירק צווישן איין „וואַלקע" און דער צווייטער און וואָס איר הערט אין קלובן, ווען איינער דעם צווייטן גיט אַ קלאַפּ גוט־ברודעריש אויף דער אינטעליגענטער פּלייצע.

נישט יענע פלאַכע חכמהלעך, נישט יענע גאָלד־באַלײשטע פּאַ־פּיריקייטן, נישט די אויסערלעכקייטן, נישט דער הומאָר, וואָס איז געבויט אויף נאָכקרימענישן, אויף זאַץ־שטאַמלענישן, אויף ווערטער־העוויות.

נישט דער „רוף מיך קנאַקניסל", נישט „דער שוטה בן פּיקהאַלץ", נישט „אַ מענטש איז געגליכן צו אַ סטאָליער", נישט „האָב איך אים געזאָגט, זאָג איך", נישט „און וויטער שרייבט אים, אַז נישטאָ מער וואָס צו שרייבן". און נישט נאָך און נאָך מיט וואָס שלום־עליכמס דערציילונגען זיינען אַזוי רייך, שוין צו רייך (און וואָס „צו" איז אומגעזונט — אין קעגנזאַץ צו לאַכן איז געזונט...).

נאָכנישט דאָרט איז שלום־עליכם.

דאָרט איז שלום־עליכם דער ליבער, גוטמוטיקער, בעל־הביתישער ייד, וואָס שפּאַצירט זיך אַרום מיט נאָך יידן איבער די גאַסן, די ליכ־טיקע גאַסן. די זון שיינט. דער טאָג איז אַ וואוילער. קיין דאגות איז נישטאָ. עס רעדט זיך נאָר אַזוי: נישטאָ. אוי, אוי, איז דאָ! נאָר גאָרנישט. וואָס איז שייך! גאָט איז אַ פּאָטער, גיט ער נישט קיין מכה, שיקט ער אַ בלאָטער. נאָר זאָל ער שיקן וואָס ער וויל. וועמען גייט דאָס אָן? מסתמא דאַרף דאָך זיין אַזוי. אַ סימן האָט איר,

עס זאָל באַדאַרפֿן זיין נישט אַזוי, וואָלט געווען נישט אַזוי, וואָרים וועד נויט עס אים, עס זאָל דווקא זיין אַזוי און נישט אַזוי? און אַז ער זאָל וועלן, ס׳זאָל זיין נישט אַזוי, וועט אים אימיצער זאָגן אַ דעה: ניין, לאָז בעסער זיין נישט אַזוי, מיין איך, לאָז בעסער זיין אַזוי און נישט אַזוי...

„ירחמיאל משה האָט געפילט, אַז ער הייבט עפּעס אָן צו ריידן אַזעלכעס, וואָס ס׳איז נישטאָ וואָס צו הערן".

און אונדזער קלאַסישער דיכטער פֿילט אויך אַמאָל, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו הערן. נאָר, שאַ, מילא, אויך די אייגענע מעשה, פֿאַרוואָס עפּעס זיין אַ פּורש מן הצבור? אַלע יידן גייען, דאַרף מען אויך גיין. און פֿאָרן זיי אַוועק, דאַרף מען זיי נאָכפֿאָרן. און וואָס זיי טוען, טוט ער אויך. און ווי אַזוי זיי ריידן — רעדט ער אויך. ער וויל נישט זיין קליגער פֿון זיי. ער מישט זיך אויס. ווערט איינער פֿון אַלע. אַ ייד צווישן יידן. וועגן — נישט נייע, מחשבות — נישט באַזונדערע, פֿאַרלאַנגען — נישט אויסטערלישע.

ער שפּרינגט נישט אין הימל אַריין. ביז אַהין איז ווייט. די זון שטייט אַזוי הויך. ס׳איז דאָך בייטאָג...

דער פּרימאָרגן האָט זיך זיינע אַדאָראַטאָרן, וואָס באַוואונדערן זיין אָריגינעלע הלבשה, וועלכע איז געוועבט פֿון רויט־שטאָף, גרין־שטאָף און גאָלד־שטאָף.

דער פּרימאָרגן האָט זיך זיינע חסידים, וואָס קוקן אים נאָך, טוען אים נאָך, זיינען, פּונקט ווי ער, פֿול מיט האַרץ, מיט אָפּפֿרישנדיקער ריינקייט, זיינען אַזוי ווי ער: בעסער ווי הייליק און הייליקער ווי גוט.

דער פּרימאָרגן האָט זיך זיינע משכימים, וועלכע דאַוונען ותיקין און טראַכטן אַזוי דין, איידער די וועלט וועט אָנהייבן טראַכטן גראָב, וועלכע בענטשן און לויבן דעם באַשעפֿער, וואָס ער פֿאַרמאָגט נאָך אַ וועלט, וואָס זי פֿאַרמאָגט נאָך עטלעכע לויטערע שעהען, איידער זי לאָזט זיך אַריין אין מאַרק און זינדיקט און שווינדלט און זיפֿצט פֿאַלש און לאַכט פֿאַלש און לעבט קליין און שטאַרבט קליין. דער פּרימאָרגן האָט זיך זיינע — געציילטע זיינען זיי.

דער בייטאָג ווייסט נישט פון מיוחסים. נישטאָ קיין אויסדער־ווילטע. די גאַסן זיינען פול. אַלע אין דרויסן. און אַלע לעבן לויט אַ צוגעשניטענער מאָס, ווי איטלעכער וואָלט אַכטונג געגעבן, ער זאָל, חלילה, נישט זיין גרעסער פון דעם צווייטן... און טאָן טוט יעדערער אַזוי, אַז מען זאָל אים נישט האַלטן פאַר אַ ווילדן. און ער רעדט אַזוי, אַז אַלע זאָלן אים באַגרייפן. און וויצן זוכט ער אויס, אַז אַפילו די נאַרישסטע זאָלן „פאַרשטיין דעם וויץ״.

דאָס איז יענע צייט, ווען דער מעת־לעת לויפט אַרום מיט גרויסע פענזלען און מיט שרייענדיק־העלע פאַרבן שרייבט ער אויף אַלע טראָטואַרן „געבענטשט זיינען די געמעסיקטע״.

ווען דער דעמאָקראַטיזם וואָלט נישט געוואָלט, פונקט ווי יעדער אין גוט־געלט־גייענדיקער, אָדער לאַנג־פון־דער־מאָדע־אַרויסיקער איזם, לייגן אַן אַרעסט אויף אַלע 24 שעה, וואָלט מען געמעגט אין גוטפריינטשאַפט אים ראָטן: אויב ער וויל זיין ממשלה זאָל האָבן אַ קיום, זאָל ער ציטעריק האַלטן זיינע געטרייסטע דינער, זיין לייב־גוואַרדיע: די בייטאָגן.

די דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנטן האָבן דאָס, גלויב איך, אַביסל געשפּירט, מחמת עפּעס צו אָפט פלעגן זיי, אַט די ניכטערע און פּראַקטישע, זיך באַנוצן מיט אַזאַ פּאַטעטישן אַרגומענט ווי „די זון שיינט פאַר אַלע גלייך״...

און שלום־עליכם איז דער דעמאָקראַטישסטער פון אַלע יידישע קינסטלער.

דערפאַר איז אין זיינע ביכער אַזוי פיל זון און העלקייט, און דערפאַר מיידט ער אַזוי וויניק אויס מיטלמעסיקע געוויינלעכע טיראַדעס און אפילו סצענעס.

אָבער, דאַכט זיך מיר, פונקט ווי דאָס גאַנצע קיילעכדיקע יאָר מוז האָבן — לויט וועלכער נאַציאָנאַליטעטן־ אָדער קלאַסן־טעאָריע אירווילט נאָר אַליין — זיינע יום־טובים; פונקט ווי יעדער טאָג קען זיך נישט באַגיין אָן זיין נץ החמה; פונקט ווי יעדער מענטש האָט אין

משך פון זיין לעבן כאַטש אַ האַלבע סעקונדע, ווען באַוואוסט־זיניק־דורכגעליכטן אָדער תמעוואַטע־אינסטינקטיוו, ווען ער אַנטדעקט די גרייס פון לעבן אָדער די מאַיעסטעט פון טויט; פּונקט ווי אפילו די פאַרביטערטסט־פאַרביסנסטע פּאָר ברידערלעכקייט און גלייבקייט קעמפנדיקע בראָשורע וועט פונדעסטוועגן איר טיטול־קאָפּ שטעלן מיט גרעסערע אותיות ווי די אַנדערע ווערטער, — אַזוי איז אויך אומ־מעגלעך אַ דעמאָקראַטיזם אָן דער אָרנאַמענטירונג פון אַריסטאָקראַ־טיזם.

און גאַנץ באַזונדער אין דער קונסט.

אוודאי איז גוט, אַז מען קען אַזוי שטיין צווישן אַ גאַנצער עדה ייִדן און זיין אין זיי פאַרליבט, און ווערן דורך זיי געליבט, און פאַרשאַפן זיי פרייד מיט דערציילן מעשיות און אַנעקדאָטן, און אַליין זיך פרייען מיט די אַלע טעפּליקער פון טעפּליק און מיט די באַהאָ־פּאַליער פון באַהאָפּאַליע און שעפּן נחת פון זיי, און אַנטציקט זיין פון זייער דרייען מיט דער צונג אויף רעכטס בשעתן שרייבן אַ „למד״, וועלכער גייט אויף רעכטס און דרייען מיט דער צונג אויף לינקס ווען מען שרייבט אַ „נון״ וועלכער גייט אויף לינקס...

עס איז גאַנץ גוט. איבערהויפּט פאַר זיי, די גרינג־געשעצטע, די דערשלאָגענע, די גערודפטע. די באַליידיקטע ווערן ברייטער ווי לענגער, האָבן געוואַלדיק הנאה, אַז מען בלאָזט נישט פון זיך, מען פאַררייסט נישט דעם גאָרגל, נאָר מען ענטפערט צו דער זאַך אויף; מה שמך? פון וואַנען איז אַ ייִד? און וואָס איז אייער טועכץ?

האַלטן זיי טאַקע שלום־עליכמען פאַר אַ „גאַש־בראַט״. ער גרויסט זיך נישט. ער שטייט נישט אויף זייערע אַקסלען. נאָר פּנים אל פּנים. גיט אָפּ אַ שמייכל פאַר אַ שמייכל. אויף אַ גוט־מאָרגן ענטפערט ער מיט אַ ייִדישלעכן גוט־יאָר. האָט זיך אויסגעמישט מיט דער עדה, געוואָרן אַ חלק פונעם כלל. כמעט נישט צום דערקענען.

כמעט... אָבער מען דערקענט. מען זעט אים פאָרט אַרויס. ער באַמיט זיך צו זיין נישט־מלאכים־שפּראַכיקער, נישט פאַרטיפטער, נישט דערהויבענער פון זיי. דאָס אַלץ איז פאַר זיי נישט קיין עסק. אָבער

איינס האָבן זיי דאָך יאָ ליב: פּאָר אַ גוטן וויץ וועט איך אַ כתרילעווו־קער אוועקגעבן אַלץ אין דער וועלט. און שלום־עליכם ווערט וויציקער פון זיי. ער איז דער קאַמיוואַיאַזשאַרישסטער צווישן די קאַמיוואַיאַ־זשאַרן, דער בלאָנדזשענדיקסטער צווישן די בלאָנדזשענדיקע שטערן, דער דראָזשנעסטער צווישן די דראָזשנער, דער פּאַרשלעפּטסטער צווישן די פּאַרשלעפּטע קרענק.

קוקן מיר זיך צו און טראַכטן: אַזוי, פּאַניע שלום־עליכם? הייסט דאָס ,אַ פּנים, אַז איר זענט סיי־ווי־סיי אַנדערש פון זיי?... אויב אַזוי, זיינען מיר דאָך עפּעס אויך פון די בני־ישראליקלעך, און מיר האָבן טאַקע אויך אַ יידישע טבע: אַז מען וויזט אונדז אַ פינגער, ווילן מיר די גאַנצע האַנט. און אויב אַביסעלע אַנדערש, קריגן מיר אַפּעטיט צו — פולשטענדיק אַנדערש... די מאַזעפּעוקער האָבן אים אַ גאַנצן ליבן מאַנטיק. מיר, די נישט־מאַזעפּעווקער, האָבן אויך דאָס רעכט פון אים עפּעס צו ווילן. (ער איז דאָך אונדזערער נישט ווייניקער ווי זייערער). און מיר האָבן חשק צו זען שלום־עליכמען אין זיין אויפגייענדיקייט, אין זיין מאָרגנשטערנדיקייט.

מיטאָג־צייט, ווען אַלע ריגגלען אים אַרום, מאַכן זיך נאַריש, פּלוידערן אים אַריין אין די אויערן, מאַכן קאָזשאַלקעס מיט די פּראָזן: מיטאָג־צייט, ווען ער געפינט זיך אינמיטן פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע, דאַכט זיך, אַז ער איז אַלץ דערגאַנגען, ער ווייס שוין אַלץ. און ווער עס ווייס אַלץ, ווייס צו קנאַפּ...

קומען מיר אין אַן אַנדער שעה. פאַרטאָג זוכן מיר אים אויף. אַרום אים — שווייגנדיקייט, אַרום אים — קלאָרקייט, אַרום אים — ווייטקייט. און ער איז באַזונדער. אַליין. ער זעט אַזעלכעס, וואָס נישט אַלע קענען זען. ער הערט אַזוינס, וואָס נישט יעדער איז בכח צו דערהערן.

דענסטמאָל ווערן מיר געוואויר פון אים זאַכן, וואָס נישט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך אַנדערש־וואו האָט מען עס נאָך נישט געזאָגט, און אַז מען וועט עס אַהינצו ברענגען, וועט מען דאָרטן, לויט דעם קלאַנג און לויט דער וואָג, דערקענען דעם מעטאַל...

דענסטמאַל איז ער אַן אַנדערער. דער מענה־לשון ווערט אים אָפּגענומען. האָט שוין נישט דאָס געשליפענע צינגל. שיט נישט מיט ווערטער, ווי אַ פּאַראָווע מיל. עפּעס נעמט ער שטאַמלען: „ווער קאָן דאָס וויסן?“ „איך וויס? למאי זאָל איך זאָגן אַזעלכעס, וואָס איך האָב נישט געזען מיט די אויגן?“... אַבער דווקא דענסטמאָל דערזעט ער אַזוי פּינקטלעך, דווקא דענסטמאָל וויס ער אַזוי פיל!...

דאָ פאַרשאָפט ער אַנטציקונג דורך טאָן־איינגעהאַלטנקייט, מיס־טערישער געשניצטקייט, דורך דיסקרעטקייט.

נאָר איצט וויל איך גראָד נישט ברענגען קיין מוסטערן פון שלום־עליכמס פאַרשוויגן־קענטעניש. דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך. איצט וויל איך זען ווי אין אַזעלכע השכמהדיקע, פייערלעכע, טאָג־אויפברוכ־דיקע שעהען גרייט־צו אונדזער מייסטער פאַר אונדז איבערראַשונגען. ער באַווייזט אַ קונץ, אַז אַ גאַנצע פּאַרציע דיבורים, וואָס ער דערלאַנגט אונדז, מאַכן אונדז נישט מיד, אדרבה, מיר נעמען זיי אויף, ווי אָנ־געלייגטע געסט. ווייל מיר ציגן זיך גלייך איבער, וואוהין זיי צילן. און דער ציל איז אַ שיינער. מיר ווערן דערגרייכן צו עפּעס גראַנ־דיעזעס, צו אַזעלכעס, וואָס ווערט דערהויבן ביז סימבאָל.

„אַ גוטן יום־טוב! — זאָגט ער און קושט נאָכאַמאָל די מזוזה. — גאָט זאָל העלפן דערלעבן איבער אַ יאָר, און מען זאָל זיין געזונט, און מען זאָל גיין איינער צום אַנדערן אויף שמחות, אין גיכן אויף אַ חתונה ביי אייערע טעכטער, און נאָכדעם, אם ירצה השם, ביי אייער זון, און יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון אַלע צרות, און מען זאָל הערן בשורות טובות ישועות ונחמות אויפן כלל יידן, וואָרים ס׳איז שוין צייט, גאָט זאָל עפּעס רחמנות האָבן, יידן זאָלן עפּעס אויפגע־ריכט ווערן, און ס׳זאָל זיך פאַרבעסערן אין די פרנסות, און ס׳זאָל גלאַט עפּעס ווערן גוט אויף דער וועלט און פריילעך אויפן האַרצן, און ס׳זאָל זיין... און ס׳זאָל ווערן... ס׳זאָל... ס׳זאָל“.

ירחמיאל־משה דער מלמד ווייסט שוין אַליין נישט, וואָס ער זאָל זיין און וואָס ער זאָל ווערן. ער האָט שוין, דאַכט זיך, אויסגעשעפּט אַלצדינג, וואָס ער האָט געהאַט. איז ער געבליבן שטיין נישט אַהין

נישט אַהער; ווי אַזוי גייט מען אַוועק גלאַט אַזוי, אין מיטן דרינען, אָן אַ זיי געזונט? אַ גליק וואָס ער האָט זיך דערמאָנט:

— און ס'זאָל... קומען משיח!״

דאָס איז אויסגעלייטערטער, שאַרפער, קרישטאָלענער הומאָר. פאַרטראַכטנדיק זיך לאַכן מיר, און לאַכנדיק ווערן מיר פאַרטראַכט.

אַ סך ערטער ביי שלום־עליכמען, וואו די ווערטער לעבן אין אַן אויסגעשפּראָכן דעמאָקראַטישער אָרדנונג. זיי זיינען, נישט ווייל זיי מוזן, פרייוויליק שטייען זיי אויפן עמוד. צווינגען קען זיי קיינער נישט. אַז זיי וועט געפעלן ווערן, האָבן זיי אַ ברירה אַריבערצושפּרינגען אויף אַן אַנדער זייטל. און וועט נישט זיין ביי זיי קיין סאָלידאַריטעט, וועט אַ טייל פון זיי אַוועקגיין, אַ טייל וועט בלייבן, קיינער וועט זיי אויך קיין דעה נישט זאָגן. „אדם אַ מענטש, צפור אַ פויגל, קאַטשקע רוק זיך״, אָט דאָס קענט איר אַריינשטעלן אין אָנהייב פון אַ וואויליונגס מאַנאָלאָג, אין מיטן, אָדער אין סוף, וואָס איז די נפקא מינה? ווי זאָגן דעמאָקראַטן: „די זון שיינט אויף אַלע גלייך״... און אַזעלכע „גלייכקייטן״ קענט איר פּאַקן גאָר אַ היפּש ביסל.

אין דעם ציטירטן מאָנאָלאָג זיינען די ווערטער אַרומגענומען מיט אַן אייזערנעם געזעץ. יעדע פראַזע פילט אויף זיך אַ דיקטאַטור. יעדע שורה איז פאַראַנטוואָרטלעך. אַלע ווערטער ווייסן, וועמען זיי דינען, און אַלע האַלטן אונטערטעניק אויסגעשטרעקט די הענט צו זייער הערשער, צו דעם לעצטן זאַץ. און די קרוין איז: „און עס זאָל קומען משיח״.

נאָך די אַלע וואונטשעניש, טאָ ווער זאָל זיין דער גרעסטער, אויב נישט אָט דער זאַץ? וואָס איז די העכסטע האָפנונג, אויב נישט ער? וואָס קען זיין דאָס לעצטע וואָרט, אויב נישט „משיח״?

אויסערלעך, פאָרמעל — ווירטואָזיש, שטאַפּלעך; אינערלעך — סימבאָליש. דאָס איז שלום־עליכמס אויפגלאַנץ, זיין עלות־השחר...

נאָר דער באַגינען וועט אַוועק. ס'וועט ווערן טאָג. סאָלידער באַלעבאַטישער טאָג.

* * *

גייען מיר ווייטער, עפּענען נאָך אַ דערציילונג, אַ דריטע, אַ צענטע.
אויפן וועג שמייכלען מיר פאַרביי, וואָס עס שמייכלט פאַרביי זיך.
און מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דאָס, וואָס כאַפּט אָן פאַרן אויג און פאַרן
האַלדז און לאָזט זיך נישט אָוועקגליטשן. קיינמאָל נישט. ווייל עס
איז דויערנדיק. דויערנדיק מיט דער שימערירנדיקער אמתדיקייט,
מיט דער סאַמאָראָדנער שלום־עליכמדיקייט.